גוט שבת אלע אידן. די הייליגע תורה איז מסביר די וואך די שכר וואס א איד באקומט פאר טון מצוות. ווייסט מען אז די עיקר שכר וועט מען באקומען אין עולם הבא. אזוי ווי רש״י זאגט לעצטע וואך סוף פרשה ״היום לעשותם. – ולמחר לעולם הבא ליטול שכרם.״ ד״ה, אין די וועלט דארף מען טון די מצוות און אין עולם הבא גייט מען באקומען די ריכטיגע שכר.

מיט דער עבודה וואס מען טוט אין די וועלט איז מען קובע די דרגה אין עולם הבא וואס איז נצחיות. צוליב דעם דארף יעדער בעל שכל אריינכאפן אין די וועלט אויסצונוצן יעדע רגע צו דינען דעם אייבערשטען ווי מער עס איז שייך. אזוי ווי די משנה זאגט ״יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה. מכל חיי העולם הבא.״ (אבות ד,יז) ד״ה א איד קען אסאך מער אויפטון דא אין די וועלט, ווייל אין יענע וועלט קען מען שוין נישט טון קיין מצוות.

די פאלגענדע מעשה ווייזט ווי איין גדול בישראל האט טאקע גענוצט יעדע רגע אין זיין לעבן כדי אנצוקומען צו עולם הבא.

כאטש אפילו ער איז געווען א אינגערמאן, איז ר׳ נפתלי טראפ (זיין עכטער נאמען) שוין באקאנט געווען אלס איינער וואס קען גוט גוט לערנען ש״ס. דער עולם האט אים אפילו גערופן דעם ״גרנ״ט״ דער ״גאון רב נפתלי טראפ.״ צוליב זיינע אויסטערלישע כשרונות און התמדה אין תורה, האט דער חפץ חיים זצ״ל אים אין די יונגערע יארן אויסגעקליבן צו זיין דער ראש ישיבה פון דער ישיבה אין ראדין.

די בחורים אין ישיבה האבן שטארק ליב געהאט זייער רבי׳ן ר׳ נפתלי. זיי האבן ממש געטרונקען זיינע ווערטער און זיי האבן אייביג געדארשט צו הערן מער און מער תורה פון זיין מויל. ב״ה אז ר׳ נפתלי האט זוכה געווען צו לערנען תורה איבער 25 גוטע יארן אין די ישיבה אין ראדין. אבער איין טאג, איז ער פלוצלינג נישט געזונט געווארן, ל״ע. ער איז געווארן אזוי שוואך אז ער האט אפילו נישט געקענט לערנען מיט די בחורים.

די בחורים זענען געווארן מוראדיג צובראכן. די בחורים האבן גענומען דאווענען און זאגן תהלים פאר זייער באליבטען ראש ישיבה. עס איז אבער געווען אפאר בחורים וואס האבן געהאט אן אידעע ווי אזוי צו קענען אפשר העלפן ר׳ נפתלי האבן א רפואה שלימה. זיי זענען ארומגעגאנגען בעטן אז בחורים זאלן מנדב זיין פאר דעם ראש ישיבה טעג פון זייער לעבן, כדי דער ראש ישיבה זאל לעבן געזונט! עטליכע בחורים האבן געגעבן טעג, אנדערע האבן געגעבן וואכן עס איז דא געווען אנדערע וואס האבן אפילו מנדב געווען א גאנצע יאר פאר אים. צום סוף האבן זיי גערעכנט אז די בחורים האבן מנדב געווען 5 יאר פאר דעם ראש ישיבה!

יעצט האבן זיי געוואלט גיין צו זייער הייליגען רבי רב ישראל מאיר דער חפץ חיים זי״ע צו בעטן א נדבה פון אים. פארשטייט זיך אז זיי זענען געגאנגען צו דעם ח״ח מיט גרויס עניוות און יראת הכבוד. דער ח״ח האט אלעס צוגעהערט און דאן האט ער געלייגט זיינע הייליגע הענט אויף זיין שטערן, צו ווייזן אז ער טראכט עס דורך. די טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן האבן עדות געזאגט אויף די שוועריגקייט פון דער שאלה וואס זיי האבן אים געפרעגט. די בחורים האבן געוואוסט אז דער ח״ח האט געהאלטן אז דער ראש ישיבה איז איינער פון די ״אורות של עולם,״ צוליב זיין גדלות בתורה. וועגן דעם האבן די בחורים זיך פארגעשטעלט אז דער ח״ח וועט עפעס ספעציעל געבן פאר דעם ראש ישיבה.

נאך אפאר מינוט האט דער חפץ חיים אויפגעהויבן זיין קאפ און געזאגט אז ער האט מחליט געווען וואס ער וויל געבן. די בחורים האבן געהאלטן זייער אטעם ווארטענדיק אויף די ווערטער פונעם צדיק זי״ע.

״איך האב עס דורכגעטראכט... צוליב ר׳ נפתליס גדלות... בין איך גרייט אוועקצוגעבן... איין מינוט פון מיין לעבן פאר אים!״

די בחורים זענען געווארן איבערראשט! האבן זיי געהערט ריכטיג דעם צדיקס ווערטער? זיי זענען ארויסגעגאנגען פונעם צדיקס שטוב, און ער האט זיי געבענטשט און באדאנקט פאר זייער דערהויבענע עבודה צו העלפן ר׳ נפתלי.

די בחורים זענען צוריקגעגאנגען צו דעם בית המדרש. זיי האבן געשמועסט צווישן זיך וועגן וואס איז געשען. עס איז נישט דא געווען קיין גרעסערער אוהב ישראל אין די וועלט ווי דער חפץ חיים. און עס איז נישט דא קיין מענטש אין די וועלט וואס דערקענט בעסער דעם גדלות פון דעם ראש ישיבה. אבער אפילו אזוי, האט דער ח״ח נאר געגעבן איין רגע פון זיין לעבן!

צום סוף האבן זיי פארשטאנען דעם ח״ח. ער האט געוויזן פאר זיי דעם חשיבות פון יעדע מינוט אין לעבן. די בחורים זענען צוריקגעגאנגען צו דעם לערנען מיט א פרישקייט, ווייל דער חפץ חיים האט זיי אויסגעלערנט דעם חשיבות פון איין רגע, מיט וואס מען קען אויפטון אזוי סאך אין עבודת ה׳!

מען פארציילט א משל אויף די ענין. איינער האט אמאל געדארפט פארן אויף א שיף פון א פרעמדען לאנד קיין אמעריקע. דער מענטש האט געהערט אז די שיף דארף זיך אפשטעלען איין טאג אין פראנקרייך אויפן וועג קיין אמעריקע. דער מענטש איז געווארן פארנומען מיט דעם איין טאג וואס ער וועט זיין אין פראנקרייך. ער האט אנגעהויבן צו לערנען פראנצויזיש און ער האט אפילו באשטעלט א ספעציעלע קלייד אין דעם מאדע פון פראנקרייך צו טראגן דארט, כדי אויסצוזען ווי יעדעם איינעם. ווען די שיף איז סוף כל סוף ארויסגעפארן האט ער געכאפט אז ער האט געמאכט א גרויסע טעות. ער האט אלע זיינע כוחות אריינגעלייגט צוגרייטן פאר דעם איין טאג אין פראנקרייך, און ער האט זיך נישט צוגרייט פאר דעם עכטן ציל פון דער נסיעה ד״ה אמעריקע. אבער עס איז געווען צו שפעט.

ווען די שיף איז אנגעקומען קיין פראנקרייך איז דער מענטש טאקע אראפגעגאנגען מיט א שמחה. די אנדערע מענטשן וועלכע זענען געפארן מיט אים אויף די שיף האבן געזען ווי דער מענטש האט אזוי גוט געקענט די שפראך און ווי ער איז ארומגעגאנגען ווי אן איינגעבוירענער. די אנדערע מענטשן האבן אים אפילו מקנא געווען אז ער האט אזוי גוט געקענט דעם קולטור, וכו׳. אבער, ווען די שיף איז ארויסגעפארן דעם נעקסטען טאג קיין אמעריקע, איז יענער געווארן פיל מיט גרויס פחד, ווייל ער האט גארנישט צוגרייט פאר זיין צייט אין אמעריקע. והנמשל מובן.

ווייל איז דער מענטש וואס פארשטייט וואס זיין תפקיד איז אין לעבן. ד״ה, אויסצונוצן יעדע רגע אין דעם קורצן לעבן צו דינען דעם אייבערשטען כדי זיך צוגרייטן פאר חיי נצח וואו מען באקומט דעם עכטן שכר. גוט שבת אלע אידן.

**מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת הנחת התפילין של נכדו מרדכי פינחס נ״י, בן בנו הרה״צ רבי יצחק שליט״א**

מזל טוב למוה״ר טובי׳ ארי׳ צימענד הי״ו לרגל שמחת לידת נינו אצל בנו מוה״ר חיים צבי צימענד הי״ו

נתרם לרפו״ש של שאשא מלכה בת גאלדא ור׳ מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא • לע״נ עמרם בן שמעון ע״ה

כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)